


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### צוליב די עבירה פון 'גזל' איז פאר'חתמ'ט געווארן דער עונש אויף 'זנות'

**וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹקִים וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס** (ו יא), דער פסוק פאנגט אן אז די עבירה פון דור המבול איז געווען **'זנות'** אבער דער פסוק ענדיגט צו אז די עבירה איז געווען **'גזל'**.

**אזוי** אויך ווייטער אין די פסוקים (שם יב - יג) ווען דער פסוק זאגט די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט באשלאסן צו ברענגן א מבול אויפן וועלט, זאגט דער פסוק **וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאָרֶץ וְהִנֵּה נִשְׁחָתָה כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ**, וואס דאס איז די עבירה פון זנות, אבער נאכדעם זאגט דער פסוק **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים לְנֹחַ קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם וגו'** וואס דאס איז די עבירה פון גזל.

**אזוי** אויך שטייט אין חז"ל (ירושלמי סוטה פרק א' הלכה ה'), *'כל מקום שאתה מוצא זנות אנדרולמוסיא בא לעולם והורגת טובים ורעים'*. זעט מען פון דעם אז בלויז אויף די עבירה פון זנות, איז שוין גענוג עס זאל קומען א מאָרד אויפן וועלט.

**אבער** עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין קח.) *'לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל'*, די סיבה פארוואס די דור המבול איז באשטראפט געווארן, איז צוליב די עבירה פון גזל. לכאורה דארף מען פארשטיין צוליב וואספארא עבירה איז געקומען די מבול?

**מען** קען פארענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות לב.), נאכדעם וואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, און דער אויבערשטער האט זיי געוואלט פארניכטן, האט משה רבינו געזאגט פארן אויבערשטער אז כלל ישראל איז נישט שולדיג אויף די עבירה פון חטא העגל, וויבאלד דאס איז געקומען צוליב די פילע גאלד און זילבער וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן, דאס האט צוגעברענגט זיי זאלן זינדיגן, און דער אויבערשטער האט מקבל געווען די טענה פון משה רבינו (ועיי"ש).

**די** זעלבע זאך וואלט מען געקענט זאגן אויף די אנשי דור המבול, זיי האבן געזינדיגט מיט זנות צוליב די אלע גוט'ס וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין לח.), *'דור המבול לא נתגאו אלא בשביל טובה שהשפיע להם הקב"ה'*, און מען וואלט זיי געקענט דן זיין לכף זכות.

**אבער** וויבאלד זיי האבן אויך געזינדיגט מיט גזל, וואס דאס ווייזט אז טראץ וואס זיי האבן געהאט אסאך גוט'ס האבן זיי נאכאלץ גע'גזל'ט בלויז צו דערצערענען דער אויבערשטער, דעריבער זענען זיי באשטראפט געווארן אויף זנות, ווייל זיי האבן שוין מער נישט געהאט קיין תשובה פארוואס זיי זינדיגן.

**דעריבער** זאגט דער פסוק, **וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹקִים** די וועלט איז פארדארבן געווארן צוליב די עבירה פון זנות, אבער דאס איז נאכנישט געווען גענוג זיי צו באשטראפן (ווייל זיי וואלטן זיך געקענט פארענטפערן), דעריבער פירט אויס דער פסוק **וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס**, די עבירה פון גזל דאס האט אפגעפרעגט זייער תירוץ, און צוליב דעם זענען זיי באשטראפט געווארן אויף די עבירה פון זנות, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין קח.) *'לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל'*, די חתימת הגזר דין - וואס האט אפגעפרעגט זייער תירוץ - איז געווען צוליב גזל. (אות ד')

### נישט געווען קיין היתר'דיגע וועג ווי אזוי צו לעבן

**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים לְנֹחַ קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם** (ו, יג), מען קען ערקלערן פשט אינעם לשון הפסוק 'קץ כל בשר', פארוואס איז געקומען אן ענדע צו יעדע באשעפעניש?

**לויט** ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין רמב"ם (פרק ו' מהלכות גניבה ה"א), מען טאר נישט הנאה האבן און קויפן עפעס וואס איז גע'גנב'ט, אפילו אויב א חלק געהערט צו יענעם, אבער אויב רוב דערפון איז גע'גנב'ט טאר מען עס אויך נישט קויפן. און וויבאלד די דור המבול האבן גע'גנב'ט איינע פון די אנדערע, האט מען נישט געקענט קויפן עסן וכדומה איינע פון די אנדערע, וויבאלד אלעס איז געווען גע'גנב'ט איינע פון די אנדערע, און מען טאר נישט הנאה האבן דערפון, און זיי פארמאגן מער נישט קיין היתר'דיגע וועג ווי אזוי צו לעבן אויפן וועלט. (אות ה' ד"ה ומעתה)




לומדים זרע שמשון

ניתן לתרום מעות יזכור לזכר נשמת רבינו הזרע שמשון

02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
הרבני החשוב משרידי דור ישן עשה צדקה וחסד בכל לבו ומאודו
הרה"ח רבי חיים אלעזר בן הרה"ח רבי נתן נטע ז"ל
נלב"ע ל' תשרי א' דר"ח חשון תשע"ג ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ח רבי זלמן לייב ווייס שליט"א ומשפחתו להצלחה וברכה בכל העניינים

לעילוי נשמת
אליעזר בן שמואל ז"ל
נלב"ע כ"ג תשרי תשס"ט ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י אחיו יהודה בהר ומשפחתו עמו"ש להצלחה וברכה בכל העניינים

לעילוי נשמת
הרה"ח רבי אלעזר ב"ר יהושע ז"ל
נלב"ע ר"ח חשון ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ח ר' אביגדור פרענקל שליט"א ומשפחתו להצלחה וברכה בכל העניינים

לעילוי נשמת
הרה"ח מוה"ר אריה יהודה בהר"ר אליעזר ז"ל
נלב"ע ו' חשון תשנ"ח ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ג ר' נפתלי בנימין פאשקעס שליט"א וחתנו הרה"ח ר' משה אוירבאך שליט"א ומשפחתם הי"ו להצלחה וברכה בכל העניינים

לעילוי נשמת
האשה החשובה מרת רחל בת הרב שמחה בונם ע"ה
נלב"ע שבת קודש א' חשון ב' דר"ח חשון תשע"ד ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש על ידי בתה קרינדל ריסה להצלחה וברכה בכל העניינים

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים התורמים ומשפחותיהם החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

ישועה וברכה בקרוב
דניאל אורי בן רגי'נה מלכה
שיזכה לעשירות שפע ברכה והצלחה בכל העניינים ובשורות טובות בקרוב ממש

נייע נומערן
קול זרע שמשון
אויף **אידיש** דריק 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון נייעס •
שמעו ותחי נפשכם
פאַר דירעקט אַקסעס צו אַלע דרשות וואָס זענען דערהייַנטיקט טעגלעך:
לשה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
אנגלית: 3-1
פאַסאַנייטינג ינטערוויוז 1-1-5

## מבול שווענקט אויס די וועלט פון טומאה און זוהמא

**וְהַמַּיִם גָּבְרוּ מְאֹד מְאֹד עַל הָאָרֶץ** (ז, יט), מען קען ערקלערן פארוואס די דור המבול איז באשטראפט געווארן מיט 'מים' (וואסער), און אנשי סדום זענען באשטראפט געווארן מיט 'אש' (פייער). לויט ווי עס ווערט געברענגט אין זוה"ק (תיקוני זוהר תיקון ס"ט קה.), 'מים' איז מרמז אויף 'חסד', און 'אש' איז מרמז אויף 'גבורה'.

**דערמיט** קען מען מסביר זיין, די עונש פון סדום איז געווען מיט 'אש' ווייל זיי זענען באשטראפט געווארן מיט מדת 'גבורה', און עס איז גענצליך פארניכטעט געווארן פאר אייביג ביזן היינטיגן טאג. דאקעגן די עונש פונעם דור המבול איז געווען מיט 'מים', ווייל די עונש איז געקומען צוזאמען מיט 'חסד'.

**דער** טעם דערפון איז, וויבאלד אויסער וואס די מבול איז געקומען צו באשטראפן די רשעים, איז דאס אויך געקומען צוליב וואס דורך זייערע חטאים האבן זיי גורם געווען אז די שכינה זאל מער נישט רוען אויפן וועלט, און די מבול איז געקומען מיט חסד, צו אויסשווענקן די וועלט פון טומאה און זוהמא, עס זאל ווערן אויסגערייניגט כדי די שכינה זאל ווידער קענען רוען אויפן וועלט (ראה ילקוט ראובני פרשת נח ד"ה מדת השם פרדס), דעריבער איז די עונש געווען מיט וואסער, צוליב די חסד וואס איז געווען צוזאמען מיט דעם. (אות ג' ד"ה וזהו)

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

## דער גרעניץ שטעמפל

**חול** המועד סוכות שנת תשפ"א לפ"ק האבן זיך עטליכע חברים ארויסגעלאזט אויף א אינטערעסאנטע דערהויבענע חול המועד רייזע, א נסיעה פון לאנדאן קיין אונגארן, מיטן פלאן צו פוקד זיין די הייליגע ציון המצוינות פון דער גרויסער פועל ישועות הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

**זייער** פלאן איז געווען צו פארן דורך סלאוואקיי (Slovakia), און פון דארטן אריבערגיין די לייכטע גרעניץ וואס טיילט אפ צווישן אונגארן און סלאוואקיי, און פון דארט איז דאס בלויז א קורצע רייזע צו די שטאט קערעסטיר.

**נאכן** אויספלאנירן אלעס פון פאראויס, און מיטן פראוו צו פארמיידן אויפשטייענדע פראבלעמען וואס קען זיך שאפן פון אזא רייזע, האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג מיט א פרייליכע יום טוב'דיגע שטימונג, האפנדיג צו פועל'ן ישועות און רפואות בעידן חדוותא פונעם גרויסן חג שמחתינו - דער יום טוב סוכות.

**אין** אנהייב איז אלעס געגאנגען זייער געשמירט, און פארנאכט'ס זענען זיי אנגעקומען צו דער גרעניץ פון אונגארן אזוי ווי געפלאנט, אבער צו זייער גרויס ערשטוינונג זענען זיי ווי דער גרעניץ איז הערמאטיש פארמאכט.

**נאך** א קורצע ווערטער אויסטויש מיט די ארטיגע זעלנער ביים גרעניץ זאגט מען זיי אז צוליב די אויפשטייענדע וואוקס פונעם קאראנע ווירוס ווערט די גרעניץ פארשלאסן יעדע נאכט פון זעקס אווענט ביז זעקס פארטאג'ס.

**נאכן** פראבירן צו פארהאנדלען האבן זיי געזען אז מיט די וואולגארע זעלנער וועט מען קיין ערגעץ נישט אנקומען, האט מען בלית ברירה צוריקגעדרייט די קאר מיטן געצוואונגענע באשלוס צו איבערנעכטיגן אין א דערנעבנדיגע האטעל און גלייך פארטאג'ס ווייטער פארזעצן מיטן געפלאנטע רייזע קיין קערעסטיר.

**מען** פאנגט אן צו פארן, אן דער דרייווער ביים רעדל וויל אנצינדן שמחת בית השואבה'דיגע ניגונים, צו הייבן אביסל די שטימונג און אטמאספער אין קאר.

**איינע** פון די חברים געבט זיך א רוף אן און זאגט:

**אין** מינוט ביטע! איך האב א טעגליכע קביעות'דיגע שיעור אינעם הייליגן ספר 'זרע שמשון', איך וויל דאס נישט פארפאסן אין קיין שום פאל - טו מיר א טובה - לאמיר לערנען א שטיקל זרע שמשון, דערנאך קענסטו אנצינדן וואס דו ווילסט. און איך גלייב דו וועסט מיר נאר דאנקבאר זיין...

**קיין** פראבלעם - זאגט דער חבר - הארצן גערן, מאך נאר זיכער צו לערנען אויפן קול און דאס גוט מסביר זיין, כדי איך זאל אויך קענען מיטהאלטן און פארשטיין.

**טראץ** וואס זיי האבן נישט פארמאגט מיט זיך דער ספר 'זרע שמשון', אבער וויבאלד 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון' שטעלט צו אויף פארשידענע אופנים מען זאל קענען לערנען די תורות פונעם זרע שמשון נישט קיין חילוק ווי אויפן וועלט מען געפונט זיך, האט מען אראפגעברענגט איינע פון די אינהאלטסרייכע גליונות 'זרע שמשון' וואס איז ארויסגעקומען לכבוד יו"ט סוכות, און איינער האט אנגעפאנגען צו פארלערנען א שטיקל, ווי דער הייליגער זרע שמשון איז מסביר די ד' מינים ווי עס איז מרמז אויף ענינים אין עבודת ה'.

**ביז** דערוויל פארט די קאר אויף די שמאלע געסלעך אין סלאוואקיי, אינמיטן איז מען בטעות אריינגעפארן אין א זייטיגע געסל און מען איז אנגעקומען צו א בריק, ביים אריינגאנג צום בריק איז געשטאנען א פארשלאפענער אפיציר, דער דרייווער לאזט אראפ דעם פענסטער און פרעגט דער אפיציר 'ווי קען מען אנגעקומען צו א האטעל?'

**זענענדיג** ווי דער אפיציר פארשטייט נישט זיין שפראך פראבירט ער צו זאגן: סליפ... סליפ... א פלאץ צו איבערנעכטיגן... דער אפיציר פארשטייט נישט וואס מען וויל און פראבירט צו זיין בייהילפיג און פרעגט האָנגערי? האָנגערי?

**ניין** אונז זענען נישט הונגעריג אונז זוכן בלויז א ארט צו איבערנעכטיגן - ענטפערט מען אים אומגעדולדיג.

**דער** אפיציר חזר'ט איבער און טייטלט מיטן פינגער אויפן בריק, האָנגערי העָיר...

**זיי** האבן גלייך פארשטאנען וואס זיי האבן צו טון... מען האט געגעבן א דריי דעם קאר ארויף אויפן בריק... און א האלבע שעה שפעטער זענען זיי געשטאנען ביים שוועל פונעם הייליגן ציון פון הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

**כ'האב** דיר געזאגט וועסט מיר זיין דאנקבאר, זאגט דער חבר פארן דרייווער...

(איבערגעגעבן דורך דער בעל המעשה ר' מ. ש. ני"ו)


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באר"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**